# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תולדות תשפ"ה שנה י | גליון מס' 558



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
ת.ד 102 בני ברק | פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

**פנינים בעניני תפילה**
**פון די וואכעדיגע פרשה**

### יצחק האט תולה געווען זיינע תפילה אין די זכות פון זיין גרויסן טאטן

**"וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ ה' וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ"** (כה כא)

רש"י אין חומש ברענגט אראפ די גמרא (ע"פ יבמות סד א): "לו ולא לה" - אז הקב"ה האט מקבל געווען די תפילה פון יצחק און נישט פון רבקה.

דער הסבר דערצו איז זאגט רש"י אויפ'ן ארט "שאין דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע".

אז מען קוקט אריין אין די גמרא (תענית כה ב) זעט מען אז אמאל איז געווען אן עצירת גשמים און צוויי האבן זיך געשטעלט דאווענען אז עס זאל קומען רעגן. איינער פון זיי איז געווען רבי אליעזר בן הורקנוס, די צווייטע איז געווען רבי עקיבא. חז"ל זאגן אונז דארט אז הקב"ה האט מקבל געווען די תפילה פון רבי עקיבא אפילו אז ער איז געווען א בן גרים.

לכאורה זעט מען דא אנדערש.

**דער בעל 'כנסת יחזקאל' רבי יחזקאל קאצענעלנבויגן** געט צו פארשטיין דער חילוק:

אנדערש ווי מען מיינט אז דא נישט די כוונה אז א תפילת צדיק בן רשע איז מען נישט מקבל, נאר אז ביי די תפילה פון א צדיק איז דא דער "ויעתר לו", אז נאר ביי אים איז שייך צו זאגן אז די תפילה איז נתקבל געווען בזכות עצמו.

פארוואס טאקע? געט ער עס צו פארשטיין לויט אן אנדערע גמרא אין ברכות (י ב). די גמרא רעדט דארט וועגן מקבל זיין א תפילה און זאגט: "כל התולה [דער אננעמען די תפילה] בזכות עצמו - תולים לו בזכות אחרים, וכל התולה בזכות אחרים - תולים לו בזכות עצמו".

לויט דעם קומט אויס אז ווען דער צדיק בן צדיק שטעלט זיך דאווענען איז ער תולה די תפילה בזכות פון זיינע עלטערן און אז ער איז עס תולה בזכות פון זיינע עלטערן ווערן די תפילות נתקבל אבער דער דער צדיק בן רשע האט נישט קיין זכות אבות און ממילא איז ער תולה די תפילה בזכות עצמו און וועגן דעם איז מען תולה די זכות פון די תפילה בזכות אחרים.

וועגן דעם אפילו אז די תפילה פון רבקה איז אויך נתקבל געווארן קען מען עס נישט תולה זיין אז עס איז נתקבל געווארן בזכות עצמה און זאגן "ויעתר לה"נאר עס איז "ויעתר לו" ווייל ער איז א צדיק בן צדיק און ער איז עס תולה אין די זכות פון זיין טאטע.

'מים יחזקאל'

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### הונדערט טויערן פאר הונדערט ברכות

די הייליגע חכמים האבן אונז מזכה געווען און ארומגענומען מיט ברכות פון אלע זייטן. פון צופרי ביז ביינאכט זענען מיר ארומגענומען מיט ברכה. גלייך צופרי, נאכ'ן אויפשטיין איז דא די ברכה פון על נטילת ידים און עס גייט אן אזוי ביז די לעצטע מינוט פון טאג, ביז ווען מיר ליגן אויפ'ן געלעגער און מאכן די ברכה פון המפיל חבלי שינה.

יעדע ברכה פאר זיך אליין איז א מצוה אבער עס איז דא נאך א מצוה וועלכע איז כולל אין זיך אלע מצות און דאס איז צוזאגן מאה ברכות יעדן טאג. ווען מיר מאכן די הונדערסטע ברכה יעדן טאג זענען מיר זוכה צו נאך א זאך - מיר זענען זוכה משלים צו זיין די מצוה פון מאה ברכות.

דער מדרש תנחומא [קרח יב] זאגט אז די מצוה פון מאה ברכות האט מתקן געווען דוד המלך. אין זיינע צייט האט געהויערט אויפ'ן כלל ישראל א שווערע גזירה, א שווערע מגיפה האט אויסגעבראכן, טאג טעגליך זענען הונדערט מענשטן געשטארבן. אין יענע יארן האט דוד המלך מתקן געווען מען זאל מאכן הונדערט ברכות און פון דאן ביז היינט היט די מצוה אויף אונז און היט אונז אפ פון אלע שלעכטע זאכן.

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר אז נישט נאר זענען די ברכות מגין אויף אונז פון אלע שלעכטע גזירה נאר אז די ברכות זענען אויך דער שליסל וואס עפענט אויף פאר אונז די שערי הברכה.

אין די פרשה שטייט [בראשית כו יב] "וַיִּזְרַע יִצְחָק בָּאָרֶץ הַהִוא וַיִּמְצָא בַּשָּׁנָה הַהִוא מֵאָה שְׁעָרִים וַיְבָרְכֵהוּ ה'". דער צדיק רבי מנחם רקאנטי שרייבט אין אן ארט אז אין הימל איז דא הונדערט טויערן און פון איר גייט ארויס ברכה און שפע פאר יעדן נברא. ער לייגט צו אז יעדער שער איז מכוון קעגן אן אנדערע ברכה און אז ווער עס איז מקפיד צו מאכן יעדן טאג הונדערט ברכות איז זוכה אז די שערי השפע עפענען זיך אויף פאר אים למעלה.

די חיוב צו מאכן מאה ברכות האבן חז"ל מסמיך געווען (מנחות מג ב; תנחומא קרח יב) אויפ'ן פסוק (דברים י יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ" זאגנדיג אז פון דער 'מה' ווערט 'מאה'".

מיט דעם געדאנק קען מען צולייגן אז אויך אין דער פסוק פון תהלים (לא כ): "מָה רַב טוּבְךָ אֲשֶׁר צָפַנְתָּ לִּירֵאֶיךָ" קען מען דרשנ'ען אין דעם וועג. אנשטאט דער 'מה' וועט עס רופן 'מאה'" - אז עס איז הונדערט שערים פון רוב טוב אנגעפולט פאר יראי ה' וואס זענען מקפיד אויף מאה ברכות.

די מאה ברכות זענען די שערי השפע אבער מען וועט נאך אלץ דארפן האבן דער שליסל וואס זאל עפענען די טויערן און דאס איז דער 'אמן' - ווייל דער 'אמן' איז א חלק פון די ברכה און נאר מיט איר צוזאמען וועט די ברכה זיין בשלימות און נאר א שלימות'דיגע ברכה וועט ממשיך זיין די שפע.

א רמז דערצו טרעפט מען אין דעם פסוק ווייל נאך דער "מ[א]ה רַב טוּבְךָ" איז אויך דא דער "אֲשֶׁר צָפַנְתָּ" און די ראשי תיבות פון די ווערטער איז צ"א די גימטריא פון 'אמן'.

מיר ווילן מקפיד זיין צו מאכן טעגליך 'מאה ברכות' און מיר ווילן זוכה זיין אז עס וועט געעפענט ווערן פאר אונז די שערי ברכה און נשפע ווערן אויף אונז א שפע פון טובה ובכרכה עד בלי די.

**מיט א קריאה פון "מ[א]ה רב טובך"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# די תפילה אין שול - וועלכע האט געברענגט די ישועה

א דורכשניטליכער טאג איז יענער צופרי געווען אין די שטוב פון דער הייליגער צדיק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע. ביי זיין קביעות'דיגער טישל איז דער צדיק געזעסן אנגעטון מיט טלית ותפילין האט ער עוסק געווען בתורה ובתפילה.

אויף ווייטע שטרעקעס האט דער נאמען פון דעם רבי'ן אפגעקלינגען. אלע האבן געוואוסט צו זאגן פון זיין קדושה און צדקות און אז מען קען ביי אים זען א ישועה.

> **אין די לאקאלע מנין וואו אליעזר האט געדאווענט איז איין טאג אנגעקומען איינער פון די גרויסע עשירים פון די שטאט. יענער איד האט פארמאגט א גרויסער צוקער פאבריק און אויפגעהאלטן אין איר אסאך ארבעטער.**



די שול אין סערענטש אין אונגארין

אויך יענער טאג האט זיך געהערט א קלאפ ביים טיר. ביים שוועל איז געשטאנען אן ארעמע פרוי וועלכע האט געשריגן ארעמקייט, אירע קליידער זענען געווען אפגענוצט און אלט.

"רבי, דערבארעם זיך אויף מיר". האט זי אויסגעבראכן אין א הילכיגער געוויין.

"איך און מיין מאל וואוינען שוין לאנגע יארן אין די שכינות'דיגע שטאט סערענטש. מיר זענען ביטערע ארעמלייט. מיין מאן שלעפט שווערע פעקלעך אויף זיין רוקן אבער די פארדינסטן זענען זייער שוואך. מיר לעבן אין הונגער אבער לעצטענס איז די מצב אין שטוב אז עס איז באו מים עד נפש. מיר ווערן נישט יונגער, איך האלט שוין נישט אויס די דלות".

א לענגערע צייט האט זי געכליפעט פון געוויין.

"און וואס קען איך דיר העלפן?". האט דער רבי געוואלט וויסן.

"איך בין בסך הכל א רב אין א קליין שטעטל. איך קען נאר דאווענען פאר ענק. מער ווי דעם קען איך נישט טון".

"דאס וויל איך טאקע. איך ווייס אז די תפילות פון דעם רבי'ן האט א גרויסער כח אין הימל. ליידער בין איך נישט זוכה צו פירן אן אידישער שטוב ווי עס דארף צו זיין, אבער מיינע עלטערן האבן אייביג גערעדט וועגן צדיקים און איבער די אויסטערלישע כח וואס זייערע תפילות האבן. זאל דער רבי דאווענען פאר מיר און די זכות פון דער צדיק וועט זיכער ברענגען די ישועה".

פון אירע ווערטער האט זיך דערקענט אז די אידישקייט ביי זיי איז שוואך - אז איר מאן איז א שוואכער מדקדק במצוות.

"וויסן זאלסטו". האט דער צדיק איר געזאגט.

"אז ווער עס פירט זיך ווי אזוי עס דארף צו זיין האט הקב"ה רחמנות אויף אים. ער פירט זיך צו אים מיט רחמנות און איז משפיע אויף אים אלעס גוטס. אויב דו וועסט זיך פארנעמען צופירן ווי עס דארף צוזיין און דיין מאן וועט טאג טעגליך גיין דאווענען אין שול - וועסטו זען ישועות און זוכה זיין צו ישועות".

ערמוטיגט פון דעם רבינ'ס ווערטער איז זי אהיימגעפארן צו איר. פאר איר מאן אליעזר האט זי איבערדערציילט די ווערטער וואס דער רבי האט איר געזאגט. אויפ'ן ארט האבן זיך ביידע פארגענומען אז פון היינט און ווייטער וועלן זיי זיך פירן כהלכה און מקפיד זיין צו דאווענען יעדן טאג מיט א מנין און זיך פירן ערליך.

ביטער שווער איז די קבלה אנגעקומען פאר אליעזר. אלץ איינער וואס האט זיך געשפייזט פון שלעפן שווערע פעקלעך פלעגט ער יעדן אינדערפרי' לויפן צו די באן סטאנציע און פרובירן צו זיין דער ערשטע אין די רייע - ער זאל קענען באקומען די בעסטע דזשאב אבער יעצט - נאך דעם וואס ער האט אנגעהויבן דאווענען מיט מנין האט ער טאג טעגליך דערלייגט די גוטע דזשאב'ס.

די ארעמקייט איז געווארן גרעסער אבער נישט פאר לאנג.

אין די לאקאלע מנין וואו אליעזר האט געדאווענט איז איין טאג אנגעקומען איינער פון די גרויסע עשירים פון די שטאט. יענער איד האט פארמאגט א גרויסער צוקער פאבריק און אויפגעהאלטן אין איר אסאך ארבעטער.

יענער טאג האט דער איד געהאט א יארצייט און איז געקומען אין שול דאווענען מיט מנין. נאכ'ן דאווענען ווען דער ציבור האט זיך דערקוויקט מיט די לעקעך און בראנפן וואס ער האט געהאט - האט דער עושר געלאזט רופן אליעזר צו זיך זאגנדיג אז ער זאל אריבערקומען צו אים אין ביורא ווייל ער וויל עפעס רעדן מיט אים.

די באקאנטשאפט צווישן די צוויי איז שוין געווען פון יארן פריער אבער יעצט האבן זיי זיך געטראפן. מיט'ן גאנצן הארץ האט אליעזר געהאפט אז דער עושר וויל אים בעטן ער זאל עפעס שלעפן פאר אים און איז געקומען צוגיין צו די אפיס מיט שטארקע שטריק אבער דא האט ער געהאט פאר אים אן איבערראשונג.

"לאז אפ די שטריק. עס איז שוין א לאנגער צייט וואס כ'זוך א וועכטער פאר מיין פאבריק. דו זעסט מיר אויס א פאסיגער קאנדידאט".

נאכ'ן אויסארבעטן די דעטאלן האט זיך אויסגעשטעלט אז די געהאלט איז אסאך שענער און ברייטער ווי די שלעפעריי ארבעט.

דער עושר האט באטאנט אז טראץ וואס זיי קענען זיך שוין יארן האט ער אים שוין נישט געזען לאנגע יארן נאר אדאנק וואס ער קומט אין שול האבן זיי זיך באגעגענט און יעצט נעמט ער אים אן צו די ארבעט.

דער קומען אין שול - וועלכע האט אנהייב אויסגעזען צו זיין א גורם אז ער זאל דערלייגן געלט - האט ממשיך געווען פאר אים די שפע און צוגעברענגט צו א הרחבה אין זיין פרנסה.

'ספר הזכרונות לבית ליסקא' עמ' 6

# די ברכה פון "אשר יצר"

## א הודאה אויף די וואונדערליכע יצירה פון הקב"ה

טאג טעגליך, נאך דעם וואס מיר וועקן זיך אויף צופרי' און מיר דאנקען הקב"ה אז ער האט אונז צוריקגעגעבן די נשמה - דערמאנען מיר איינוועגס איבער די וואונדערליכע מאשין וואס הקב"ה שטעלט אונז צו - אז מען זאל אים קענען דינען ווי אזוי עס דארף צו זיין - די מענטשליכע קערפער וועלכע האט אין איר אזויפיל וואונדער און ארבעט מיט אזא קלוגע און פארגעשריטענע וועג.

עס ארבעט אזוי קלוג און מיט אזויפיל קאפ אז קיין איין פרט אין איר איז נישט איבריג. יעדער חלק פון איר איז א וועלט פאר זיך. אין יעדן איינציגסטן גליד ליגט אסאך חכמה און איז א צוזאמענשטעל פון אסאך קלענערע חלקים.

אז מיר זאלן קענען דאנקען הקב"ה אויף די גרויסע טובה האבן חכמים מתקן געווען די ברכה פון "אשר יצר". אין די ברכה לויבן מיר הקב"ה אויף די אויסטערלישע חכמה וואס ליגט אריינגעלייגט אין יעדן חלק פון אונזער קערפער בכללות און א באזונדערע שבח והודיה געבן מיר אפ אז ווען די קערפער דארף ארויסנעמען די אפפאל וואס עס האט אין איר גייט עס ארויס און אז די קערפער בלייבט געזונט און אז מיר קענען ווייטער דינען הקב"ה געזונטערהייט נאך דעם.

טייערע און אויפריכטיגע ווערטער וועלכע זענען מעורר די הארץ ווערט אראפגעברענגט אין ילקוט מעם לועז (בראשית ח"א עמ' פח) וועגן די נושא און מיר ציטירן עס דא:"כל מי שמתבונן בסוד יצירת האדם ואיבריו, יהיה נוכח שהאדם צריך לעבוד את השם יתברך בלב ונפש, אפילו בלי קבלת שכר, אלא רק בגלל החסדים הגדולים שעשה עמנו - שעשה אותנו בכל השלמות. ומאחר שהקדוש ברוך הוא עשה חסד גדול כל כך שברא אדם עם כל תיקוני איברים, לכן אנו חייבים לברך את ה' ולשבח אותו על הטוב הזה שעשה עמנו".

## א נס ווי די נס פון יציאת מצרים

אין ספר 'דמשק אליעזר' (פון ר"א פאפו פון סארייבאו אות א' ערך אשר יצר ב שרייבט ער די פאלגענדע):

אויב ביי יעדע ברכה ליגט אויפ'ן מענטש דער פליכט צו מאכן די ברכה מיט יראה און אהבה איז כל שכן אז עס דארף זיין אזוי ביי די ברכה פון 'אשר יצר'. אז מען קוקט זיך ארום זעט מען אז עס איז דא אנדערע וואס מוטשענען זיך עד כלות נפשם אויסצופירן די פשוטע פעולות פון די קערפער און ביי אונז גייט עס אזוי גרינג, אן קיין ווייטאג. ווי אזוי קען א מענטש מאכן די ברכה מיט א הסח הדעת, ווען ער טרוקנט אפ זיינע הענט, אדער נאך ערגער פון דעם, אז ער פארגעסט צו מאכן די ברכה. ווען מען טראכט אריין אין איר וועט דער ירא את דבר ה' זיין נזהר צו מאכן די ברכה בשמחה רבה, מיט יראה, מיט אהבה, מיט שמחה רבה און עס איז גענוג אז ער וועט אינזינען האבן די ווערטער וואס גייט ארויס פון זיין מויל און עס איז זיכער אז פון הימל וועט מען אים באלוינען אויף דעם.

אין אסאך ספרי קודש איז מען מאריך איבער די שבח פון די ברכה און ווי שטארק מען דארף אינזינען האבן ביי איר און מכיר טובה זיין אויף איר - ווייל די חסד וואס ליגט אין יעדן 'אשר יצר' איז אויסנאמליך גרויס.

בשם דער באקאנטער זוועהילער חסיד רבי אליהו ראטה זצ"ל זאגט מען נאך אז ער פלעגט שטענדיג צו זאגן אויף די ברכה אז מען ווייסט נישט אויף וואס מען דאנקט. יעדער 'אשר יצר' איז אן אפעראציע. די גוף האט ארויסגענומען די שלעכטע חלקים. עס איז אדורך אומווייטאגליך, אומבצאלט און דורך דער גרעסטער דאקטאר פון די וועלט. צי קומט נישט אז מען זאל מאכן אויף איר א ברכה מיט כוונה? פלעגט ער אויספירן.

('המברך יתברך' עמ' סד).

דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין זצ"ל פלעגט צו זאגן אז דער עצם זאך אז די קערפער פון א מענטש פונקציאנירט פאר צענדליגע יארן אויף די זעלבע וועג און עס טוישט זיך נישט גארנישט איז א נס אזוי גרויס ווי די נס פון יציאת מצרים. מיר ווייסן אז יעדער מאשין אין די וועלט - אפילו די בעסטע מאשין ווערט צומאל קאליע נאכדעם וואס מען נוצט עס אסאך און דא ארבעט עס אויפ'ן זעלבן שטייגער פאר יארן לאנג און עס איז פול מיט קליינע קאמפלעצירטע זאכן און מיט דעם אלעם בלייבט עס די זעלבע - דאס אליינס איז א נס.

('טללי אורות').

## א סגולה פאר רפואה

דער משגיח רבי יחזקאל לוינשטיין זצ"ל פלעגט צו זאגן אז דער זאגן "אשר יצר" מיט כוונה און פון א סידור איז א סגולה פאר רפואה.

ער פלעגט אנווייזן אויפ'ן ספר החינוך על אודות וואס שרייבט ביי די מצוה פון ברכת המזון (מצוה תל): אז ער האט מקובל פון זיינע רבי"ס אז ווער עס איז זהיר אין ברכת המזון איז זוכה אז ער באקומט זיין מזונות בכבוד אלע זיינע טעג.

דער חינוך אויפ'ן ארט געט ער אן א טעם דערצו זאגנדיג אז ווען א איד בענטש ערליך און מיט כוונה ווערט ביי איינגעווארצעלט די אמונה אז אלעס וואס ער האט קומט פון הקב"ה און דאס איז ממשיך פאר אים די שפע.

דער משגיח פלעגט זאגן אז די זעלבע איז אויך מיט די ברכה פון "אשר יצר". אז ווער עס זאגט די ברכה פון "אשר יצר" בכוונה ווארצעלט איין ביי זיך די אמונה אז זיין לעבן און זיין געזונט איז אנגעהאגען אין הקב"ה און אז איינער לעבט אזוי' איז ער זוכה ממשיך צו זיין פאר זיך געזונט און לעבן.

('תפלת חנה' עמ' סו; 'חיים וחסד' עמ' יא).

מערערע עדות'ער איבער אידן וואס זענען נישט געווען געזונט און דער חולה צי די ארומיגע האבן זיך מקבל געווען צו מאכן די ברכה בכוונה און האבן זוכה געווען צו א רפואה ווערט דערציילט.

דער גאון רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א דערציילט איבער אן ערשטהאנטיגע מעשה:

א קליין קינד פון א חשובער כולל יונגערמאן איז קראנק געווארן מיט א שווערע קרענק. ווען די בשורה איז אנגעקומען אין כולל האבן די חברי הכולל זיך צוזאמענגענומען און באשלאסן און מקבל געווען אויף זיך אז פונהיינט און ווייטער וועלן זיי מאכן די ברכה "אשר יצר" בכוונה און א שטיק צייט שפעטער האט זיך דאס קינד אויסגעהיילט פון די קרענק - קעגן די שאצונג פון אלע דאקטורים.

('טובך יביעו' ח"א עמ' ער).

מען קען צולייגן דערצו די ווערטער פון חז"ל (ברכות נג א) אז "גדול העונה אמן יותר מהמברך". אז די ברכה האט אזא כח איז זיכער אז אויב מען איז מקפיד צו ענטפערן אמן נאך איר איז עס א שמירה מכל רע. א רמז דערצו קען מען טרעפן אין דער פסוק: "כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ" (שמות טו כו) - דער "אני" איז די גימטריא פון 'אמן'. (ראה 'אמרי אהרן' בשלח).

# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### יעקב אבינו האט אנגעכאפט די מצות וואס א מענטש איז דש בעקביו

**"אַחֲרֵי כֵן יָצָא אָחִיו וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו וַיִּקְרָא שְׁמוֹ יַעֲקֹב וְיִצְחָק בֶּן שִׁשִּׁים שָׁנָה בְּלֶדֶת אֹתָם"** (כה כו)

דער כלי יקר געט צו פארשטיין אז די משמעות פון די אחיזה פון יעקב אין די עקב פון עשו איז געווען א סימן אז בעתיד וועט עשו מבזה זיין די בכורה, ווי א מענטש איז דש בעקביו, און אז דער סוף וועט זיין אז יעקב וועט איבערנעמען די מצוה.

ער פירט אויס אז נישט נאר די מצוה וועט יעקב ענדע איבערנעמען פון עשו נאר אויך אנדערע מצוה'ס וועט ענדע יעקב איבערנעמען פון עשו און איר מקיים זיין.

מען קען צולייגן דערצו די ווערטער פון רמ"ע מפאנו איבער דער קשר פון דער נאמען יעקב וועלכע איז געגעבן געווארן על שם די אחיזה צו די עניית אמן וועלכע ציילט זיך אויך אויף די מצות וואס א מענטש איז דש בעקביו (זעה רש"י אין ברכות ו ב ד"ה דברים), פאלגענד זענען זיינע ווערטער איבערגעזעצט אויף אידיש: דערווארט "יעקוב' אז מען שרייבט עס מיט א בכתיב מלא איז בגימטריא "אמן ואמן" און יעקב אן א 'ויו' איז די גימטריא צוויי מאל אמן.

'כלי יקר'; 'עשרה מאמרות' מאמר חקור דין ב טו

### "מטל השמים ומשמני הארץ" אין זכות פון דער 'אמן'

**"וְיִתֶּן לְךָ הָאֱלֹקִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ... יַעַבְדוּךָ עַמִּים"** (כז כח-כט)

די ראשי תיבות פון די ווערטער: "לך האלוקים מטל השמים ומשמני הארץ" איז די גימטריא פון אמן.

פון דא איז א רמז צו די ווערטער פון דער זוה"ק (וילך רפה ב) אז בזכות פון דער 'אמן' ווערט געעפענט די פתחי הברכה אויבן אין הימל און עס גייט אראפ שפע פאר'ן מענטש און אז זיינע שונאים ווערן נכנע אונטער אים ווי דער פסוק זאגט: "יעבדוך עמים".

'ככר זהב' [לרבי כליפא הכהן מג'רבא] מערכת ב

### רבקה ענתה אמן אחר ברכת יצחק

**"וַיְהִי כַּאֲשֶׁר כִּלָּה יִצְחָק לְבָרֵךְ אֶת יַעֲקֹב וַיְהִי אַךְ יָצֹא יָצָא יַעֲקֹב מֵאֵת פְּנֵי יִצְחָק אָבִיו וְעֵשָׂו אָחִיו בָּא מִצֵּידוֹ"** (כז ל)

דער פסוק נוצט דא א דאפעלטער לשון ווען יעקב אבינו גייט ארויס פון יצחק - ער זאגט: "יָצֹא יָצָא יַעֲקֹב".

וואס איז דער דאפעלטער לשון? דאס איז א רמז אז צוזאמען מיט יעקב איז מיטגעקומען נאך איינער, דער איינער איז געווען רבקה אמנו.

פארוואס איז רבקה אמנו מיטגעקומען? ווייל זי האט געוואלט קענען ענטפערן אמן אויף די ברכות פון יצחק פאר יעקב.

עס קען זיין אז וועגן דעם ווען יצחק אבינו איז געוואויר געווארן אז יעקב אבינו האט ארויסגעשלעפט פון אים די ברכות האט ער שוין נישט געקענט צוריקדרייען און געזאגט:"גַּם בָּרוּךְ יִהְיֶה" - ווייל א ברכה וואס מען ענטפערט אויף איר אמן וועט ענדע מקויים ווערן.

די בחינה איז אויך מרומז אין פסוק ווען רבקה האט דערציילט פאר יעקב וועגן די ברכות. יצחק אבינו האט געבעטן פון עשו אז ער זאל אים אנגרייטן מטעמים אבער רבקה האט צוגעלייגט די ווערטער 'לפני ה' און ווי עס איז דער לשון הפסוק (בראשית כז ו-ז): "הנה שמעתי את אביו מדבר אל עשו אחיך לאמר: הביאה לי ציד ועשה לי מטעמים ואכלה ואברככה לפני ה'".

פון וואו קומט דא אריין דער "לפני ה'" יצחק אבינו האט עס נישט געזאגט? נאר ווייל רבק אמנו האט געוואוסט אז זי וועט ענטפערן 'אמן' נאך די ברכה און דער 'אמן' וועט גורם זיין אז עס וועט זיין "לפני ה'" ווייל דער ווארט אמן באטרעפט כמנין הוי"ה ואדנות.

'חיי יצחק' פרשת תולדות [לרחי"א יוסטמן, ורשא תרע"ב]

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



דער פראנט פון בית הכנסת אין סובאלאק

### רבי יצחק אייזיק חבר

#### כט בחשון תרי"ג

דער צדיק רבי יצחק אייזיק חבר איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי יעקב אין יאר תקמ"ט אין די שטאט הורדאנא. אין די עלטער פון פערצן יאר האט אנגעהויבן לערנען תורה פון דעם גרויסן צדיק רבי מנחם מנדל משקלאוו פון די באקאנטע תלמידי הגר"א און פון דאן אן פלעגט מען אים בא'טיטול'ען אלץ דער: "פה שלישי להגר"א".

זיין גאונות האט גע'שמ'ט זייער ווייט, נאך אין דעם יונגן עלטער האט מען אויפגענומען צו דינען ברבנות אין די ליטווישע שטעט פראזוא און ראזיני און אין טיקטין.

די לעצטע רבנות פאסטן איז געווען אין די שטאט סולוואק.

זיין בקיאות בתורה איז געווען אויסטערליש גרויס סיי אין נגלה און סיי אין נסתר. בחייו האט ער אנגעיאגט צו שרייבן עטליכע באקאנטע חיבורים סיי בנגלה און סיי בנסתר.

צווישן זיי איז דער שו"ת ספר 'בנין עולם', דער ספר 'פתחו שערים' אויף נסתר, די ספר 'יד מצרים' אויף הגדה של פסח און די הגהות על הש"ס וועלכע איז געדרוקט געווארן אין די ש"ס ווילנא.

אין די בלויזע עלטער פון 64 יאר איז ער נסתלק געווארן לבית עולמו. מען האט געלייגט אין די שטאט סולוואק. די נוסח המצבה איז געשריבן געווארן לויט זיין צוואה, ער האט געהייסן אז מען זאל שרייבן אויף איר די פאלגענדע ווערטער:"אשר איש פקודתו שמה מחסום לעט, וסגר ליד חוקקת לקצר מהללו ולמעט בתואריו...".

### אריכות ימים און אריכות שנים

מיר ווייסן אז דער 'אמן' וואס מען ענטפערט זאל מען ענטפערן פאמעליך. מען דארף עס נישט זאגן צו לאנג אבער אויך נישט צו שנעל. די בעסטע וועג איז אז מען זאל עס זאגן ווילאנג עס געדויערט צו זאגן די ווערטער: "א-ל מלך נאמן" (שו"ע קכד ז).

עס איז דא א הבטחה פון חז"ל אז (ברכות מז א): "כל המאריך באמן - מאריכים לו ימיו ושנותיו".

אין די הגהות הש"ס אויפן ארט איז מבאר רבי יצחק אייזיק חבר אז וועגן דעם האבן חז"ל געדאפעלט די ווערטער און געזאגט: "מאריכים לו ימיו ושנותיו" - ווייל מיט דעם ווילן זיי ארויסברענגען צוויי זאכן און בעיקר אז דער שכר פון א מאריך אין אמן איז א דאפעלטער - ער איז סיי זוכה צו "אריכות ימים" דהיינו מיט איכות אז זיינע טעג וטעלן זיין גוטע און אויך וועט ער זוכה זיין צו אריכות שנים - און ווייל חז"ל ווילן מדגיש זיין די דאפעלטע ברכה זאגן זיי עס ארויס מיט א דאפעלטע לשון צו באטאנען אז ווער עס איז מאריך באמן איז זוכה צוביידע ברכות צו אריכות ימים און אריכות השנים.